**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נאך פינף באגעגענישן צו אויסהערן די פובליק צו פאראויס רוקן דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ'**

***ערשטע פון 10 באגעגענישן פערזענליך און דורך די אינטערנעט הויבן זיך אן אין באפעלאו פון מאי 30***

***פינאנצירונג געלעגנהייטן וואס קומען 'אמאל אין א יובל' וועלן פארשטערקערן און באשיצן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט***

***בענעפיטן נעמען אריין פארמערן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, פארמינערן קלימאט טויש, שאפן דזשאבס, און באשיצן פובליק געזונטהייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די איינצלהייטן פון די קומענדיגע פינף לאקאציעס אין די 'אויסהערן טור' ארום די סטעיט צו פאראויס שטופן דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air and Green Jobs Environmental Bond Act). ווערנדיג באשטעטיגט מיט א גרויסע מערהייט פון וויילער לעצטער הערבסט, לייגט דער באַנד געזעץ אלץ פריאריטעט צו מאכן אינוועסטירונגען אין ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, קלימאט טויש סכנה פארמינערונג, ים ברעגעס באפעסטיגונג, פארפלייצונג שטאנדהאפטיגקייט, וואסער קוואליטעט, אפהיטונג פון אפענע שטחים, פארוויילונג ערטער און גרינע דזשאבס. די טור גיבט א געלעגנהייט פאר די פובליק און פאר קערפערשאפטן וועלכע וועלן מעגליך ווילן אפּלייען פאר פינאנצירונג צו געוואויר ווערן מער איבער דעם באַנד געזעץ און איבער די ערשטיגע תנאים וואס ווערן יעצט געשריבן צו טרעפן פאטענציאלע פראיעקטן.

"דער ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ וועט זיין אן אמת'ע מהפכה פאר אונזערע קאמיוניטיס, און איך קוק ארויס צו די אנהויב פון די באגעגענישן קומענדיגע וואך אין פלעצער אריבער די סטעיט דורכאויס דעם זומער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די 'אויסהערן טור' וועט שפילן א צענטראלע ראלע ביים העלפן ניו יארק סטעיט באקעמפן קלימאט טויש און מאכן אונזער עקאנאמיע וואקסן דורכן גיבן א געלעגנהייט צו איבערשמועסן צוקונפטיגע פראיעקטן וועלכע וועלן שאפן דזשאבס, באשיצן די ענווייראמענט, פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און איבערלאזן לאנג-בלייבנדע בענעפיטן פאר אונזערע קאמיוניטיס."

די ערשטע באגעגעניש איז [אנאנסירט געווארן דורך די גאווערנער דורכאויס 'ערד וואך'](#) און עס וועט אפגעהאלטן ווערן אום מאי 30, פון 1 ביז 3 נאכמיטאג, ביי די באפעלאו אוניווערסיטעט'ס Center for Tomorrow (צענטער פאר מארגן).

די קומענדיגע רונדע פון באגעגענישן פון די 'אויסהערן טור' רעכנט אריין:

- **צענטראל ניו יארק:** יוני 8, פון 1 ביז 3 נאכמיטאג, סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאָרטלאנד, Corey Union Function Room
- **נארט קאנטרי:** יולי 14, 1 ביז 3 נאכמיטאג, נארט קאנטרי קאמיוניטי קאלעדזש, Sparks Athletic Complex Alumni Gymnasium
- **הויפטשטאט ראיאן:** יולי 20, 1 ביז 3 נאכמיטאג, אלבאני אוניווערסיטעט, Campus Center Auditorium
- **לאָווער האדסאן:** אויגוסט 15, 1 ביז 3 נאכמיטאג, וועסטשעסטער קאונטי צענטער, Little Theater
- **לאנג איילענד:** אויגוסט 24, 1 ביז 3 נאכמיטאג, סופאָלק קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש, Suffolk Credit Union Arena

נאך איינצלהייטן ווערן אראנזשירט פאר צוויי לאקאציעס אין ניו יארק סיטי אין די בראנקס און ברוקלין, און אזוי אויך פאר צוויי ווירטואלע באגעגענישן דורך די אינטערנעט. די באגעגענישן וועלן אנאנסירט ווערן בקרוב.

זיך צו רעגיסטרירן פאר סיי וועלכע פון די באגעגענישן, באזוכט www.ny.gov/bondact.

די גרויסארטיגע ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ אקט איז די גרעסטע אין ענווייראמענטאלע באנד אין סטעיט היסטאריע און די ערשטע אין ניו יארק זייט 1996. דער באָנד אקט מאכן 4.2 ביליאן דאלער אוועילעבל פאר ענווייראנמענטל און קאמיוניטי פראיעקטן וואס שטיצן אויך דזשאב שאפונג און א באדייטנדע אינוועסטירונג אין די ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו וואס וועט דינען איבער 1,000 פובליק סקולס וואס מאנגלען אין ריסאורסעס. אנערקענען אז עמפינדליכע באפעלקערונגען זענען שטארקער אפעקטירט דורך נעגאַטיווע ענווייראנמענטל און קלימאט טויש ווירקונגען, וועט אמוויניגסטנס 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון באנד אקט בענעפיטן גיין פאר ארימע קאמיוניטיס.

ספעציפיש, טוט די ענווייראמענטאלע באנד אקט אויטאריזירן:

- 1.5 - ביליאן דאלאר פאר קלימאט טויש פארמינערנג;
- 1.1 - ביליאן דאלאר פאר צוריקשטעלונג און פארפלייצונג ריזיקע פארמיידונג;
- 650 מיליאן דאלער פאר וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ווידערשטאנדספעאיגע אינפראסטרוקטור; און
- 650 מיליאן דאלער פאר אפענע ספעיס לאנד קאנזערוואציע און פארוויילונג
- 300 מיליאן דאלער פאר נאך פראיעקטן אין סיי וועלכע פון די פיר הויפט קאטעגאריעס

סטעיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען, און פארטנערס וועלן קענען האבן צוטריט צו ענווייראמענטאלע באנד אקט פאנדינג איבער א מולטי-יאר פראצעדור. לעצטע חודש, דורכאויס 'ערד וואך', האט גאווערנער האקול אנאנסירט די ערשטע געלטער פון דעם באנד געזעץ וואס צוזאמען מיט די עקזיסטירנדע סטעיט פינאנצירונג מקורות שטייען זיי אויף א סך הכל פון 425 מיליאן דאלאר ווערנדיג צוגעשטעלט אין סטעיט וואסער גרענט פינאנצירונג. אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז יולי 28, און מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט אויף efc.ny.gov/wiia.

אן אינטער-אגענטור װארקינג גרופע זוכט יעצט נאך געברויכן פאר ענווייראנמענטאלע פאנדינג דורכאויס די סטעיט און אנטוויקלט לאגיסטיק פאר באנד אקט איינפירונג. די אויפקלערונגס אויסהערונג טור וועט

אריינגעמען די סטעיקהאלדערס און אנדערע אינטערעסירטע ניו יארקער כדי אויסצוגעפינען וועגן די סארטן פראיעקטן וואס די באנד אקט קען שטיצן און אנהויבן געשפרעכן וועגן בארעכטיגונג אנווייזונגען פאר פאנדינג.

די עדיוקעישאנעל אויסהערונג טור איז טייל פון די סטעיט'ס געטריישאפט צו א צוזאמענארבעטנדע און דורכזיכטיגע פראצעדור אינעם וועג ווי אזוי באנד אקט געלטער ווערן אויסגעטיילט. סעסיעס וועלן פארשטעלן א פארשטעלונג אויף די באנד אקט און א געלעגנהייט פאר איין-צו-איין געשפרעכן מיט סטעיט עקספערטן. זיצונגען וועלן זיין אפן צו דעם פובליק.

**סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער און פארזיצער פון די קלימאט שריט קאונסיל ( Climate Action Council), בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "די 4.2 ביליאן דאלאר פון דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ וועלן זיין א געוואלדיגע הילף פאר סטעיט און לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי ארגאניזאציעס און פאר פילע אנדערע פארמישטע פארטייען וועלכע שטופן פאראויס פראיעקטן צו באשיצן אונזערע נאטורליכע מיטלען און וועלכע מאכן אויס אין די לעבנס פון האבן די גרעסטע לאסט פון פארפעסטיגונג און פון אונזער טוישנדע קלימאט. די DEC קוקט ארויס זיך צו אנשליסן מיט אונזערע אגענטור שותפים ביי די באגעגענישן צו הערן פון ניו יארקער און איבערשמועסן די באַנד געזעץ'ס ווייט-גרייכנדע און לאנג-טערמיניגע בענעפיטן פאר די סטעיט'ס ענווייראמענט, קאמיוניטיס און עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority) פרעזידענט און CEO און פארזיצרין פון די קלימאט שריט קאונסיל, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "דער באַנד געזעץ 'אויסהערן טור' איז א געלעגנהייט פאר אונז צו הערן פון ניו יארקער איבער וועלכע קלימאט טויש און ריינע-ענערגיע פריאריטעטן זיי וואלטן געוואלט זעהן ווערנדיג געשטיצט דורך די קריטישע געלטער — ארייננרעכענענדיג אין קאמיוניטיס וועלכע באקומען ווייניגער סערוויסעס. איך קוק ארויס צו די געלעגנהייט איבערן סטעיט צו זאמלען אינפארמאציע און לייזונגען-באזירטע שמועסן איבער וויאזוי אמבעסטן צו איינפירן די פינאנצירונג פאר די בענעפיט פון די איינוואוינער היינט און אריין אין צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קוּלעסעיד, האט געזאגט,** "די באַנד געזעץ 'אויסהערן טור' איז א געוואלדיגע געלעגנהייט זיך צו פארבינדן מיט לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי שותפים און מענטשן פון אריבער די סטעיט צו אויסהערן זייערע געדאנקען איבער די סארטן ענווייראמענטאלע פראיעקטן וועלכע וועלן האבן די שטערקסטע באדייט פאר זייערע קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו די שמועסן און צו פארזעצן צו פאראויס שטופן דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ צו שטופן פאר א ריינע ענווייראמענט, צו שטופן פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, אדרעסירן קלימאט טויש און פארברייטערן צוטריט צו געזונטע דרויסנדיגע פארוויילונג."

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט ( Environmental Facilities Corporation, EFC) פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאָולמאן, האט געזאגט,** "די EFC איז באגייסטערט צו ארבעטן מיט פארמישטע פארטייען איבער די באדייטנדע פינאנצירונג וואס ווערן צוגעשטעלט פאר קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מיר וועלן פאראויס רוקן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט דורכן זיכער מאכן אז די דאלארן ווערן געשאנקען פאר די קאמיוניטיס וועלכע נויטיגן זיך די מערסטע דערין."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "די גאר גרויסע שטיצע וואס מיר האבן געזעהן פון ווילער פאר דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ איז אן אמת'ע עדות איבער ניו יארקער'ס פארפליכטונג צו באשיצן זייער ענווייראמענט. די 4.2 ביליאן דאלאר אין געלטער וועלן גיין

פאר פראיעקטן וועלכע וועלן באקעמפן די השפעות פון קלימאט טויש, זיי וועלן באגרעניצן פארפעסטיגונג, פארבעסערן לופט און וואסער קוואליטעט אין אונזערע קאמיוניטיס און באשיצן אונזערע נאטורליכע קוועלער פאר צוקונפטיגע דורות. די 'אויסהערן טור' וועט ערלויבן אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער צו גיבן זייער מיינונג איבער די באשלוסן פראצעדור און אזוי אויך צו לערנען מער איבער די געוואלדיגע בענעפיטן וואס די געזעץ וועט ברענגען."

מער אינפארמאציע איבער דעם באַנד געזעץ איז פארעפנטליכט אויף www.ny.gov/bondact.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן